בס"ד

# עונג שבת

## פרשת בהר-בחקתי תשס"ו

גוט שבת אלע אידן. איינע פון די ברכות וואס דער אייבערשטער זאגט אונז צו אויב מיר וועלן היטן די תורה איז "...והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם." די לשון ווייזט אויף א מין שידוך צווישן אונז און דעם רבונו של עולם, ד"ה "והייתי לכם... ואתם תהיו לי..." אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אני לדודי ודודי לי וגו'" (שיר השירים ו,ג) דאס אלעס ווייזט אויף דעם שטארק ליבשאפט צווישן דעם אייבערשטען און כלל ישראל. קבלת התורה אויף בארג סיני איז געווען די "חתונה" און די הייליגע תורה איז די "כתובה" צווישן אונז אין דעם רבונו של עולם.

"אורי" (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א סאלדאט אין די ארץ ישראלדיגן ארמיי בערך 25 יאר צוריק. דעמאלט האט די ארץ ישראלדיגע ארמיי זיך שטארק געקריגט אויפן צפון גרעניץ לעבן לבנון. אורי צוזאמען מיט די אנדערע סאלדאטן האבן שטארק פראבירט צו באשיצן דעם גרעניץ קעגען די טעראריסטען וואס האבן זיך באפעסטיגט אין לבנון. איין טאג, האבן די טעראריסטען אטאקירט מיט גרויס איבערראשונג. אלעס איז פלוצלינג געשען און די סאלדאטן זענען נישט געווען אנגעגרייט פאר דעם קריגעריי. זיי האבן נישט געוואוסט די צאל פון טעראריסטען וואס זענען געקומען קעגן זיי יענע טאג, אבער איין זאך האבן זיי יא געוואוסט– אז די ארץ ישראלדיגע סאלדאטן זענען ווייניגער.

די סאלדאטן האבן שנעל גערופן מיט דעם ראדיו צו דעם גענעראל אז ער זאל שיקן מער סאלדאטן, ווייל זיי האבן נישט געוואוסט ווי לאנג זיי קענען אויסהאלטן. זיי האבן געווארט מיט גרויס פחד ביז דאס העלף וועט שוין אנקומען. "אורי" מיט די אנדערע סאלדאטן האבן זיך געקריגט פאר זייער לעבן.

די סאלדאטן אין אורי'ס גרופע זענען אלע געווען צווישן די עלטער פון 19 ביז 22 יאר. אורי איז אבער געווען אנדערש פון זיי אלע. ער איז ב"ה א שומר תורה ומצוות. כאטש אז די אנדערע האבן מכבד געווען אורי צוליב זיין אידישקייט, האבן זיי אליין אבער נישט געהאט קיין אינטערעסע צו טוישן זייער וועגן און ווערן פרום. זיי זענען געווען א יונגע פרייע חברה, און זיי זענען געווען גאנץ צופרידן מיט זייער יעצטיגע לעבן. אבער אלעס האט זיך געטוישט ווען עס איז פארגעקומען דעם גרויסן קריגעריי יענעם טאג.

"דורון" און "יגאל" זענען צוויי פון די פרייע סאלדאטן וואס האבן געפילט א ספעציעל נאנטשאפט צו אורי. זיי האבן ארויפגעקוקט אויף אורי וועגן זיין אמונה און בטחון אין השי"ת.

יעצט, אין מיטן דעם שווערן קריגעריי, האבן די צוויי סאלדאטן געטראכט אז אפשר קען אורי נוצן זיין פראטעקציע אויבן און מתפלל זיין אז זיי זאלן געראטעוועט ווערן. זיי האבן געבעטן אורי צו טון וואס איז נאר מעגליך געווען, און צו נוצן וועלכע זכותים ער האט געהאט, ווייל זייערע לעבן האבן געהאנגען אויף א האר. די שונאים זענען געקומען פון אלע זייטן.

דאס קריגעריי איז געווען אזוי שטארק, אז מען האט נישט געקענט הערן איינער דער צווייטער וועגן די קולות פון די שיסן און באמבעס. "דורון" און "יגאל" האבן געטראכט צו זיך אז זיי לכאורה וועלן זיי נישט ניצל ווערן וועגן זייער אייגענע זכותים. נאר אורי'ס תפילות ווען זיי העלפן.

פאר א האלבע שעה אין איין צי איז געווען שיסן אן קיין אויפהער. פלוצלונג האבן די דריי חברים, דורון, יגאל מיט אורי באמערקט אז זיי זענען אוועקגערוקט געווארן פון די אנדערע גרופע סאלדאטן. ווען זיי האבן געחאפט אז זיי זענען ממש לעבן די טעראריסטען איז אן אומגליק געשען. א קויל איז ארייין אין אורי'ס לינקע אקסעל, און עס איז אנגעקומען זייער נאנט צו זיין הארץ, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

דורון און יגאל האבן אפגעלאזט זייער שיסן און זיי האבן גלייך פראבירט צו ראטעווען אורי'ס לעבן. זיי האבן אים געגעבן חיזוק אז און געזאגט אלעס וועט בעזרת ה' זיין גוט. אורי אליינס איז גלייך אריינגעגאנגען אין "שאק" און ער האט נישט אזוי געוואוסט וואס טוט זיך ארום אים, ל"ע. ווען זיי האבן געזען די בלוט, האבן זיי מחליט געווען אז זיי מוזן שנעל צוריקגיין פאר העלף צו די גרופע פון אנדערע סאלדאטן וואו דער מיליטערישע דאקטאר איז געווען, ווייל אורי ליגט אין א שרעקליכע סכנה. זיי האבן געטראגן אורי פערציג מטער צו דער גרופע.

זיי האבן אראפגעלייגט אורי אין א לאך און הויך געשריגן פאר דניאל'ס [דער דאקטאר] הילף. דניאל האט אנגעהויבן צו ארבעטן אויף אורי. נאך א קורצע ווייל האט ער געחאפט אז אורי דארף אסאך מער העלף. דניאל האט שטארק פראבירט אפצוהאלטן דעם בלוטן. יגאל און דורון זענען געשטאנען דארט גרייט צו העלפן דניאל ראטעווען אורי'ס לעבן.

די שיסן איז געווען זייער הויך און מען האט ממש נישט געקענט הערן דניאל'ס ווערטער. יגאל האט פארשטאנען אז דניאל האט אים געהייסן צו לייגן אורי אויף זיין ריקן. באמת האט דניאל געזאגט צו לייגן אורי אויף זיין זייט [כדי ער זאל ח"ו נישט אויסבלוטן]. יגאל האט געשטעלט אורי אויף זיין ריקן און אים פראבירט צו מחזק זיין. דער דאקטאר האט געגעבן אורי שטארקע מעדיצינען כדי אים צו בארוהיגן און אורי איז באלד איינגעשלאפן. דורון און יגאל האבן מחליט געווען אז די בעסטע עצה איז דעמאלט געווען צוריקצוגיין צום פראנט כדי צוריקצוהאלטן די טעראריסטען, ווייל דער דאקטאר דניאל האט געהאט יעצט אחריות אויף זייער טייערן חבר אורי. יעצט האבן זיי זיך אליין געמוזט ראטעווען. זיי האבן צוגעזאגט אורי אז זיי וועלן באלד צוריקקומען, אפילו אורי האט דעמאלט גארנישט געהערט.

נאך א קורצע צייט זענען זיי טאקע צוריקגעקומען. זיי האבן געזעהן וואו אורי, וואס מען האט איבערגעלאזט ליגענדיג אויף זיין ריקן, ליגט יעצט אויף זיין זייט, וואס זיי האבן פארשטאנען איז א גרויסע סכנה פאר אים! דניאל האט דעמאלט קעיר גענומען פון אנדערע סאלדאטן. ווען יגאל האט דאס געזען אז אורי ליגט אויף זיין זייט, האט ער אים גלייך צוריקגעלייגט אויף זיין ריקען. אפילו אורי האט שטארק געשלאפן דעמאלט, איז ער אליינס צוריקגעדרייט צו זיין זייט.

דר. דניאל האט זיך געדרייט פונקט דעמאלט צו זעהן אז יגאל פרובירט צו ריקן אורי אז ער זאל ליגן אויף זיין ריקען. דער דאקטאר האט אנגעהויבן שרייען. "וואס טוסט דו, דו וועסט אים הרגענען! ער מוזט ליגן אויף זיין זייט!" יגאל איז איבערראשט געווארן פון דניאל'ס ווערטער. ער האט געמיינט אז אורי מוז ליגן אויף זיין ריקען! דאס שיסעריי אין די באמבעס האבן געמאכט אזא הויכע קולות אז זיי האבן נישט געקענט הערן גארנישט. אבער נאר יעצט האבן דורון און יגאל געקענט הערן וואס דער דאקטאר האט געזאגט.

"וויאזוי האבן זיי געטראפן אורי ליגן אויף זיין זייט?" האבן דורון און יגאל זיך געוואונדערט. אפשר האט דער דאקטאר עס געטון? ניין, עס קען נישט זיין, ווייל דניאל איז פארנומען געווען מיט אנדערע. אורי'ס דרייען אויף זיין זייט האט געראטעוועט זיין לעבן!

באלד דערנאך איז הילף אנגעקומען. דאס קריגעריי האט זיך געענדיגט, און די סאלדאטן זענען ב"ה געראטעוועט געווארן. באלד דערנאך האט אורי ב"ה געעפענט זיין אויגן. דורון און יגאל האבן געשמייכעלט און זיך זייער געפריידט צו זען אורי וועט זיין בסדר. שפעטער ווען אורי איז צוגעקומען, האבן זיי דורכגעשמועסט דעם געשעניש, און דעמאלט האבן זיי פארשטאנען וואס איז געשען.

פריער, בעפאר דאס קריגעריי פון יענעם טאג, ווען אורי פלעג גיין שלאפן אין דעם געצעלט מיט די אנדערע סאלדאטן, האט ער מקפיד געווען צו שלאפן אייביג אויף זיין זייט. ווען די אנדערע סאלדאטן האבן אים געפרעגט וועגן דעם, האט ער זיי געזאגט אז ער טוט עס ווייל אזוי איז די הלכה. עטליכע סאלדאטן פלעגן שטארק חוזק מאכן פון אים. וואס גייט עס און אזוי שטארק אז מען מוז האבן א הלכה וועגן דעם? וואס איז טאקע די גרויסע חילוק אויף וועלכע זייט מען שלאפט? אבער נאר יעצט האבן זיי פארשטאנען. זיי האבן יעצט געזען די שכר פון האלטן פעסט א הלכה. די פלאדיגע געשעניש האט ב"ה געמאכט א רושם אויף דורון און יגאל און זיי האבן ביידע תשובה געטון.

אורי האט געענדיגט זיין צייט אין מיליטער און ער האט ב"ה געהאט א רפואה שלימה. ער איז צוריקגעגאנגען אין ישיבה און ער האט געהאט די זכות צו העלפן זיינע צוויי חברים צו טרעפן דעם וועג צום אידישקייט. היינט וואוינען די דריי חברים צוזאמען מיט זייערע פרומע ערליכע משפחות אין ארץ ישראל. די הלכה וואס האט טאקע אויסגעזעהן נישט אזוי וויכטיג האט געראטעוועט אורי'ס לעבן און אויך די נשמות פון זיין חברים. לאמיר אלע נתעורר ווערן זיך צוגרייטן צו דעם יום החופה אין דעם הייליגן יום טוב פון שבועות. גוט שבת **אלע אידן**.

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדו יעקב יוסף נ"י בן בנו הרה"צ יצחק שליט"א עב"ג בתו של הרה"צ ר' צבי אלימלך האלבערשטאם שליט"א בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר יואל לונגער הי"ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו שמואל נ"י

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, רחל בת פייגא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**